נומער 30

## עקזעקיוטיוו ארדער

**פאראָרדענענדיג סטעיט אגענטורן, אויטאריטעטן און קערפערשאפטן צו לייגן אלץ פריאריטעט צו צוטיילן געוויסע געלטער אויף וועלכע זיי קענען נוצן שיקול הדעת פאר אזעלכע לאקאליטעטן וואס שטופן פאר די קאנסטרוקציע פון האוזינג**

**אזוי ווי**, די פרייזן פון האוזינג אין ניו יארק סטעיט זענען פון די העכסטע אינעם לאנד. די פרייז צו קויפן אדער דינגען א הויז זענען הויך אין טייל צוליב איבערגעטריבענע לאקאלע רעגירונג פאליסיס וועלכע שטערן צו דעוועלאפען האוזינג אין אלגעמיין אדער וועלכע פארבאטן די באשטעטיגונג פון געוויסע האוזינג פארשלאגן — דערמיט העכערנדיג דעוועלאפמענט קאסטן און באגרעניצנדיג די צאל הייזער וואס זענען דא;

**אזוי ווי**, לאקאלע פאליסיס, סטאנדארטן און באשלוסן וועלכע שטערן האוזינג דעוועלאפמענט, באזונדערס דאס בויען אפארטמענט געביידעס, שטערן אויך וואוקס אין באשעפטיגונג; העכערן די קאסטן פון לעבן; ביישטייערן צו די ערשיינונג פון אויסגעשפרייטע הייזער וואס בויען זיך ארויס פון שטאט; פארערגערן טראפיק פראבלעמען און פארלענגערן טעגליכע רייזעס; און פארקלענערן די אויסוואהל פון הייזער פאר פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט און מינאריטעט פאמיליעס וועלכע פארלאזן זיך אויף אפארטמענט הייזער מער פון אנדערע צו באקומען האוזינג געלעגנהייטן וואס זיי קענען זיך ערלויבן; און די פאליסיס, סטאנדארטן און באשלוסן פירן צו אומווילנדע קאנסעקוועצן צו די פובליק געזונטהייט, זיכערהייט און אלגעמיינע וואוילזיין פון די קאמיוניטי;

**אזוי ווי**, די סטעיט האט נישט אלע קריטישע אינפארמאציע איבער לאקאלע פלאנירונג, לאנד באנוץ און זאָונינג סטאנדארטן און אזוי אויך איבער הייזער וואס ווערן געבויט — אלע אינפארמאציע וואס איז נויטיג פאר די סטעיט צו קענען ארויסהעלפן לאקאלע רעגירונגען מיט האוזינג דעוועלאפמענט און צו טרעפן און פאררעכטן די זאכן וואס שטערן האוזינג וואוקס אריבער ניו יארק;

**אזוי ווי**, די סטעיט מעג נוצן איר שיקול הדעת ווען עס קומט צו שטעלן די פריאריטעטן לויט וועלכע געוויסע געלטער ווערן פארטיילט ווערן דורך די סטעיט פאר די בעסטע אפליקאנטן — אפליקאנטן וועלכע קענען אריינרעכענען לאקאלע רעגירונג קערפערשאפטן;

**אזוי ווי**, די סטעיט האט די אויטאריטעט צו גיבן פריאריטעט צו פארטיילן געלטער פון געוויסע קאסעס פאר וועלכע זי מעג נוצן איר שיקול הדעת, צו קענען העלפן שטופן פאר קריטישע אינטערעסן פון די סטעיט;

**אזוי ווי**, עס איז די סטעיט'ס דאגה און די פאליסי פון די סטעיט אז לאקאלע רעגירונגען און די רעגירונג קערפערשאפטן ווען זיי שטיצן אדער קאנטראלירן מוזן אונטערנעמען שריט צו אדרעסירן איבערגעטריבענע באגרעניצנדע לאקאלע האוזינג פאליסיס, סטאנדארטן און באשלוסן צו אמבעסטן פארזיכערן און היטן אויף די פובליק זיכערהייט, זיכערהייט און אלגעמיינע וואוילזיין פון די קאמיוניטי, און כדי צו מוטיגן און שטיצן דאס בויען הייזער אריבער ניו יארק, באזונדערס אפארטמענט געביידעס, הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענטס;

**יעצט, דערפאר, טוה איך, קעטי האקול**, גאווערנער פון ניו יארק סטעיט, מיט די אויטאריטעט געגעבן צו מיר דורך די קאנסטיטוציע און געזעצן פון ניו יארק סטעיט, דערמיט ארויסגעבן די ארדער וואס וועט זיין אין קראפט ביז א צייט וואס איך קען דעקלערן ווי פאלגנד:

באדייטן:

א. "אפעקטירטע סטעיט קערפערשאפטן" מיינט (1) אלע אגענטורן, אפיסעס און דעפארטמענטס איבער וועלכע די גאווערנער האט עקזעקיוטיווע אויטאריטעט, און (2) אלע פובליק בענעפיט קארפארעישענס, פובליק אויטאריטעטן, באורדס און קאמיסיעס פאר וועלכע די גאווערנער באשטימט די פארזיצער, די טשיף עקזעקיוטיוו אדער די מאיאריטעט פון באורד מיטגלידער — חוץ פון די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי, סיי וועלכע 'אינטערסטעיט' אדער אינטערנאציאנאלע אויטאריטעטן ווי אויסגעטייטשט אין טייל צוויי פון דעם פובליק אויטאריטעטן געזעץ און אזוי אויך סיי וועלכע לאקאלע אויטאריטעטן ווי אויסגעטייטשט אין טייל צוויי פון דעם פובליק אויטאריטעטן געזעץ.

ב. "לאקאליטעט" באציהט זיך צו אלע סיטיס, טאַונס אדער ווילעדזשעס וועלכע רעגולירן די פלאנירונג, לאנד באנוץ, זאָונינג און/אדער לאקאלע און ראיאנישע וואוקס און דעוועלאפמענט אין איינקלאנג מיט דעם אלגעמיינעם סיטי געזעץ, טאַון געזעץ, ווילעדזש געזעץ אדער מונציפאלע היים הערשאפט ('האָום רול') געזעץ אדער אנדערע סטעיט געזעצן, ווי שייך.

ג. "די דיוויזיע" באציהט זיך צו די דיוויזיע פון האוזינג ענד קאמיוניטי רינוּעל.

ד. "האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראמען" רעכענען אריין:

(1) די פאלגנדע פראגראמען:

(א) די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט;

(ב) דער NY Forward (ניו יארק - אויף פאראויס) פראגראם אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט;

(ג) די ראיאנישע קאונסיל אינוועסטירונג געלטער (Regional Council Capital Fund) פראגראם אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט;

(ד) דער ניו יארק מעין סטריט פראגראם אנגעפירט דורך ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל;

(ה) סיי וועלכע אינוועסטירונג גרענטס וואס ווערן געמאכט אונטער דעם 'מארקעט ניו יארק' פראגראם אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט;

(ו) די לאנג איילענד אינוועסטירונג קאסע (Long Island Investment Fund, LIIF) אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט;

(ז) די מיד-האדסאן שוואונג קאסע (Mid-Hudson Momentum Fund) אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט;

(ח) דער פובליק טראנספארטאציע מאדערניזירונג פארבעסערונג פראגראם (Public Transportation Modernization Enhancement Program, MEP) אנגעפירט דורך די טראנספארטאציע דעפארטמענט; און

(2) סיי וועלכער אנדערער פראגראם אויב די יעצטיגע אדער סיי וועלכע צוקונפטיגע צוטיילונגען פאר דעם פראגראם וועלן עס דעזיגנירן אלץ א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם.

ה. "האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם סערטיפיקאציע" מיינט א סערטיפיקאציע וואס ווערט געשאנקען דורך די דיוויזיע – באזירט אויף קריטעריאנען וועלכע דארפן אוועקגעשטעלט ווערן דורך די דיוויזיע – וואס אנערקענט אז א לאקאליטעט האט אונטערגענומען שריט צו געבן פריאריטעט פאר וואוקס אין האוזינג און צו איבערגעבן פארבינדענע אינפארמאציע צו די דיוויזיע לויט ווי זי באשטימט אז עס פעהלט זיך אויס. די דיוויזיע וועט אויך קענען נוצן איר אייגענע שיקול הדעת צו אוועקשטעלן עטליכע שטאפלען פון האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם סערטיפיקאציעס צו אנדייטן אויף אונטערשיידן צווישן לאקאליטעטן באזירט אויף וועלכע אדער וויפיל קריטעריאנען וואס די דיוויזיע שטעלט אוועק די לאקאליטעטן קומען נאך. אין צוגאב, ווערן די פאלגנדע טערמינען אויך אויסגעטייטשט:

(1) "סערטיפייד לאקאליטעט" באציהט זיך צו א לאקאליטעט וואס האט באקומען א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם סערטיפיקאציע פון די דיוויזיע; און

(2) "נישט-סערטיפייד לאקאליטעט" באציהט זיך צו א לאקאליטעט וואס האט נישט באקומען א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם סערטיפיקאציע פון די דיוויזיע.

2. אן אפעקטירטע סטעיט קערפערשאפט וואס פירט אן סיי וועלכער האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם דארף געבן פריאריטעט – ארויס פון אלע אפליקאציעס וואס זענען אריינגעגעבן געווארן צו די לאקאליטעט פאר די געלטער – פאר די לאקאליטעט אפליקאציעס וועלכע זענען געמאכט געווארן דורך סערטיפייד לאקאליטעטן, און די קערפערשאפט זאל אויך געבן פריאריטעט ארויס פון די סערטיפייד לאקאליטעטן באזירט אויף די שטאפל פון האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם סערטיפיקאציע וואס יעדע סערטיפייד לאקאליטעט האט באקומען פון די דיוויזיע. די אויבנדערמאנטע גייט אן בתנאי אז די אפליקאציעס וועלכע ווערן אריינגעגעבן דורך נישט-סערטיפייד לאקאליטעטן וועלן נישט באקומען א נידעריגערע פריאריטעט אין פארגלייך צו אפליקאציע פון סערטיפייד לאקאליטעטן — אויב די אפליקאציע פון די נישט-סערטיפייד לאקאליטעטן ווערט אויסדרוקליך געמאכט פאר די צוועק פון פינאנצירן האוזינג דעוועלאפמענט, אריינרעכענענדיג דעוועלאפמענטס פאר אויסגעמישטע באנוצן וואס האבן אויך הייזער אדער אזעלכע וועלכע וועלן פינאנצירן נישט-האוזינג אינוועסטירונגען וועלכע זענען נויטיג פאר- און ווערן געמאכט אין פארבינדונג מיט- א ספעציפישע האוזינג דעוועלאפמענט. די אויבנדערמאנטע פאראגראף גייט אויך נאר אן בתנאי אז די דיוויזיע האט שוין געהאט אנגעהויבן צו ארויסגעבן האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם סערטיפיקאציעס אין די צייט וואס אן אפעקטירטע סטעיט קערפערשאפט קוקט איבער אפליקאציעס פאר א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם.

3. אלע אפעקטירטע סטעיט קערפערשאפטן דארפן אין באטראכט נעמען די ציהל פון אויפבויען נאך הייזער ווען עס קומט צו מאכן סיי וועלכע פאליסי אדער פראגראם-פארבינדענע באשלוסן, און וואו עס איז שייך זאלן זיי ארבעטן צוזאמען מיט אנדערע אפעקטירטע סטעיט קערפערשאפטן צו אויספירן די ציהל.

4. אלע אפעקטירטע סטעיט קערפערשאפטן דארפן איבערקוקן אדער ארבעטן צוזאמען אין די איבערזיכט פון סיי וועלכע שטח פון דעוועלאפטע און נישט דעוועלאפטע לאנד וואס איז אונטער זייער אייגנטום און קאנטראל כדי צו טרעפן פאטענציאלע שטחים פאר האוזינג דעוועלאפמענט און צו באשטימען אויב סיי וועלכע פון די שטחים קענען גענוצט ווערן צו העלפן מיט האוזינג דעוועלאפמענט אויף גרעניצנדע אדער דערנעבנדע שטחים. די איבערזיכט זאל אריינרעכענען, צווישן אנדערע, די פאלגנדע זאכן:

א. שטחים וואס זענען אין אייגנטום און קאנטראל פון די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אדער סיי וועלכע פון די קערפערשאפטן וואס זענען אונטערגעווארפן אונטער איר;

ב. שטחים אין אייגנטום און קאנטראל פון די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט אדער סיי וועלכע קערפערשאפטן וואס זענען אונטערגעווארפן אונטער איר, אריינרעכענענדיג, צווישן אנדערע, עקזיסטירנדע פארקינג איינריכטונגען; און

ג. שטחים אין אייגנטום און קאנטראל פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט אדער סיי וועלכע קערפערשאפטן וואס זענען אונטערגעווארפן אונטער איר, אריינרעכענענדיג, צווישן אנדערע, עקזיסטירנדע פארקינג איינריכטונגען.

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און אונטער דעם אפיציעלן
זיגל פון די סטעיט אין אלבאני סיטי אום דעם
אכצנטן טאג פון יולי אין דעם יאר צוויי טויזנט דריי
און צוואנציג.

דורך די גאווערנאר

סעקרעטאר פאר די גאווערנער